# אויפ'ן וועג אהיים...

צו מיין טייער קינד ___________ לרפו"ש בתושח"י.

יעצט אויפ'ן וועג אהיים, נאכ'ן דיר מסדר זיין דיין בעטל אין דיין שטוב, אין דיין נייע היים "סאנשיי"ן", קומט מיר אויפ'ן געדאנק די פסוק אין איוב, "ה' נתן...וה' לקח...יהי שם ה' מבורך"... כ'וועל פראבירען עס דיר צו מסביר זיין אין די קומענדיגע שורות.

מיר זענען נישט אין הימל, און מיר האבן נישט די מינדערסטע פארשטאנד אין די גאנצע פירערשאפט פון אונזער הייליגער און גרויסער באשעפער, "לו יחיה גבר שנין אלפין לא ייעול גבורתך בחושבניא", אפילו א מענטש וועט לעבן טויזענט יאר, וועט ער אויך נישט צוקומען צו פארשטיין, די פארהוילענע חשבונות פון אונזער גרויסער באשעפער, אבער וויפיל אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט ווייסען מיר אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן בלויז מיט די איינע ציל, אז ס'זאל זיין "יתגדל ויתקדש שמיה רבא" עס זאל געגרויסט און געהייליגט ווערן די נאמען פונעם אויבירשטען, וואס דאס קען נאר צושטאנד קומען דורך אונז מענטשעלעך אויף די וועלט, וואס האבן א יצר הרע מיט נסיונות, און אדורך דעם וואס מיר שטארקן זיך אויף די שוועריגקייטען צו טוען די רצון ה', ווערט געהייליגט דעם אויבירשטענ'ס נאמען, און דער באשעפער באקומט א געוואלדיגע הנאה דערפון, און מיט דעם ווערט ערפילט די תכלית פון די וועלט באשאפונג.

געוועגליך ווען ס'ווערט געבוירען א געזונט קינד אויף אלע יודען געוואונטשען, און די עלטערן האבן די זכי' אויפצוציען דאס קינד לה' ולתורתו, און דער קינד וועט דינען דעם אויבירשטען, קומט ארויס דערפון א געוואלדיגע קידוש ה', "ועל מנוחתם יקדישו את שמך" - דאס אליין אז ס'גייט גוט פאר אידישע קינדער איז א קידוש ה', אבער נאך אלעם, קומט די כבוד שמים פונעם באשעפער אליינס, ער ברענגט עס צו, ער גיבט געזונט, נחת, און נאר אזוי קומט עס צושטאנד.

משא"כ אז די באשעפער שיקט אמאל א שוועריגקייט, אויף וואספארא אופן ס'זאל נאר נישט זיין, איז עס א מצב ווי די בורא כל עולמים שטייט, אין קוקט ארויס צו זעהן, וויאזוי זיינע קינדערלעך וועלן עס אננעמען און וויאזוי זיי וועלן רעאגירן דערצו, און אז א מענטש האט די קאפ אויפ'ן פלאץ, און ער פארשטייט, אז ער דארף נישט און ער קען נישט אלעס פארשטיין, איז די קידוש ה' אויף א פארנעם וואס עס איז אומבאשרייבליך, דעם באשעפער'ס נאמען ווערט געהייליגט אויף אזא מורא'דיגע אופן, "בקרובי אקדש", א מציאות וואס די בוכ"ע באקומט כביכול א מתנה פונעם מענטש - דער קליינע מענטש קרוץ מחומר - אויסגעקריצט פון ליים, גיבט פאר'ן אלמעכטיגער באשעפער - אז ער נעמט אן זיין גזר דין מיט א ליבשאפט און פארשטענדעניש, א מתנה וואס איז נישטא, ווען אלעס גייט זיך גוט פאר'ן מענטש, וואס דעמאלטס איז די קידוש ה' א זאך וואס די באשעפער אליינס האט צוגעברענגט.

יא.. יא.. "ה' נתן" ס'איז דא אמאל וואס די אויבישטער גיבט פאר'ן מענטש, אבער ווען ס'איז א מצב פון "ה' לקח" דער אויבישטער נעמט פונעם מענטש, ער באקומט פונעם מענטש די מתנה - פון אנעמען זיין ווילן מיט א שמחה - דעמאלטס קומט ארויס די ריכטיגע "יהי שם ה' מבורך"... ביי להבדיל א גוי ווען ס'גייט אים גוט דאנקט ער אויך זיין געטשקע'לע, אבער טאמער עפעס גייט נישט פונקטליך אין זיין ריכטונג, דאן ווארפט ער אלעס אוועק, און ער גייט זיך רייסען די האר פון קאפ, אבער דער איד וואס גלייבט אינעם "אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא", ער ווערט גאר נענטער צו זיין בורא, ער ווייסט אז ער איז אין

גוטע הענט, דער הייליגט אזוי דעם באשעפער'ס נאמען, עס שיינט ארויס דעם "יהי שם ה' מבורך... מעתה עד עולם"...

מיין טייער קינד, "שמע בני מוסר אביך", הער מיר אויס וואס איך האב דיר צו זאגן, טראכט נישט קיין איין מינוט אז איך האב אויפגעהערט טראכטן פון דיר, איך קען נישט פארגעסן פון דיר קיין איין מינוט, ווייל נאר ווען א מענטש גייט חלילה אוועק פון די וועלט, שטייט "גזירה על המת שישתכח מן הלב", אבער פון דיר מיין קינד, נישט קיין חילוק אין וואספארא מצב דו געפינסט זיך, בענק איך צו דיר, אין דו פארנעמסט די אויבן אן פון מיין הארץ, איך בעט כסדר פאר דיר, אז די זאלסט שנעל קומען צו דיין גאנצע ערהוילונג, צו דען "היד ה' תקצר?", "איז דען די געטליך האנט צו קורץ עס צו באוויזען??" די באשעפער קען אין איין רגע מאכן אז דו זאלסט אהיים קומען פון שפיטאל געזינטערהייט, און ס'זאל דיר נישט דאכטן פון מיין בריוו, ווי איך שרייב אז איך בין מקבל דעם אויבירשטענס רצון אזוי ווי עס איז, אז איך האב שוין חלילה אויפגעגעבן, ניין, ביי אונזער גרויסען טאט'ן אין הימל איז עס נישט קיין סתירה, פון איין זייט צו מקבל זיין זיין ווילן, וויאזוי עס איז נאר, און פון די אנדערע זייט נישט אויפגעבן קיין איין מינוט נאר וויסען און גלייבן אז דער כל יכול קען און וועט דיר אויסהיילען שנעל און גיך בתוך שאר חולי ישראל.

מיט א שווער געמיט שרייב איך צו דיר מיין קינד, געווענליך איז א טאטע געוואוינט צו שרייבן אויף זיין קינד, נחת צעטלעך, תעודות, און שווערסטנס שפעט צעטלעך... אבער צו דיר מיין לעכטיגע נשמה'לע, האט דער גוטער באשעפער אויסגעשטעלט, נישט איך זאל דיר שרייבען א נחת צעטל א.ד.ג., נאר איך זאל דיר שרייבען די קומענדיגע שורות, וויסען זאלסטו, דורכאויס די אלע טעג און נעכט וואס מיר האבן געוויילט אינאיינעם אין די שפיטאל קארידארן, פלעג איך קוקען אויף דיר מיט א רחמנות'דיגער בליק, כאטש אין הארץ האב איך געוואוסט אז די רחמנות איז אויף מיר, נישט אויף דיר. דיר איז גוט אזויווי דו ביסט. און דו האסט געהאט די זכי' צו אראפקומען אויף די וועלט אויף די פארמאט ממש וואס דו האסט זיך אויסגעקליבען, א זאך וואס גאר ווייניג זענען זוכה דערצו. אסאך געפילן האב איך געוואלט מיט דיר מיטטיילן, אבער אנשטאט עס ארויסצוזאגן האב איך רוב דערפון איינגעקריצט אין מיין הארץ. איך ווייס נישט ווי גוט דיינע אויערן הערן, אבער עס איז דיין נשמה וואס הערט יא, און איז מיט אונז אויף שטענדיג, הערט אונזער קול, האלט מיט אונזער קלעם און שפירט אונזער צער.

דאס ביסל וואס איך האב פלעג יא רעדן מיט דיר, נישט קענענדיג זיך באהערשן, איז ווי פאלגנד: "טייער קינד מיינס, עס איז מיר ביטער אויפן הארץ, נישט וויסנדיג צו איך וועל קענען מקיים זיין מיט דיר די מצוה פון 'ושננתם לבניך', עס איז פון מיר אוועקגענומען געווארן די זכייה און מעגליכקייט דיר צו ערציען בדרך התורה ויראת שמים. מיר האבן זיך אלע געוואונטשען ביי דיין ברית "כשם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים", אבער זעהט אויס און הימל האט מען געהאט אנדערע פלענער, און אויף דער וועלט וועסטו נישט קענען טון קיינע מצוות.

דאך זאלסטו וויסן, מיין קינד, אז דורכאויס די ניין ירחי לידה האסטו מקיים געווען די מצוה פון 'כיבוד אב ואם', נאכדעם וואס אונזער הארץ איז אין יענע צייט געווען אנגעפולט מיט פרייד און האפענונגספולע ערווארטונג, און אויך מיט די שמחות וואס די באשעפער האט מיר געגעבן די זכי' צו פראווענען מיט דיר, דיין שלום זכר, דיין וואכ-נאכט, און דיין ברית.

ווי אויך האסטו אויסגעפירט וואס חז"ל דרשנ'ען אויפ'ן פסוק "ואהבת את ה' אלוקיך - שיהא שם שמים מתאהב על ידך", עס איז געגרויסט און געהייליגט געווארן דעם אויבערשטנס נאמען א דאנק דיר, דער 'מי כעמך ישראל' האט באקומען א אנדערע אפטייטש אין מיינע אויגן ווי ביז יעצט, עס האט ארויסגעשיינט די 'רחמנים בני רחמנים' אויף א געוואלדיגע פארנעם, סיי מיט די חסד דרייווערס וואס האבן געטראגן און

בעזהשי"ת

געברענגט צו יעדע צייט, די חסד שטוב אין שפיטאל, די פרויען אין מיידלעך וואס זענען געשטאנען ביי דיין בעטל טאג און נאכט ממש, אפילו שבת און פורים, ס'קומט מיר טרערן זיך צו דערמאנען ווי אידן האבן מיט געפילט מיט מיר, און זיכער געמאכט כסדר אז ס'פעלט אונז גארנישט, און געשיקט מכל טוב וטוב ווען זיי האבן נאר געקענט, מיט דעם מיין קינד, האסטו אויסגעפירט, און דו פירסט אויס, די תכלית און סיבה פארוואס א איד קומט אראפ אויף די וועלט, צו הייליגען דעם אויבערשטנס נאמען, עס איז מיר א זכי' צו זיין דיין טאטע, חז"ל זאגן (יומה פו.) א קינד וואס איז מקדש שם שמים "מה הבריות אומרים עליו", וואס זאגן מענטשן אויף אים? "אשרי אביו שזו ילד" "וואויל איז די טאטע וואס האט אים געבוירען".

יעצט אז עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט אז די וועסט נישט קענען פארברענגען מיט אונז, נאר די וועסט זיין אפגעזונדערט און א ספעציעלע היים צוליב דיינע געברויכען, זיי וויסן, אז דער שכר אויף מצות כיבוד אב ואם, און די שכר פון די געוואלדיגע קידוש ה' וואס איז ארויס געקומען דורך דיר, און איז ממשיך אין דיין נייע היים אויך, איז געוואלדיג גרויס, און די זכות וועט דיר באגלייטען סיי אויף די וועלט, און סיי אויף יענע וועלט. ווי די תורה זאגט צו: 'למען יאריכון ימיך', און די חכמים ערקלערן אז דאס מיינט סיי אריכות ימים אויף דער וועלט, און אויך בעולם שכולו טוב, בעולם שכולו ארוך.

איך האב דיר געוואלט פארלייענען, איידער איך האב מיר געזעגנט פון דיר פאר א לענגערע תקופה, ווען דו ביסט יעצט אריין אינעם היים סאנשיי"ן, וואס איך ווייס נישט ווען איך וועל דיר קומענדיגע מאל קענען קומען באזוכען - לויט זייער יעצטיגע רעגולאציעס, די פסוקים וואס דיין טייערע מאמע שתחי' לייענט מיט דיין לעכטיגע שוועסטער יעדע נאכט מיט אזא ליבליכקייט - די פסוקים פון קריאת שמע, וואס רעדן זיך פון ייחוד ה' און אהבת ה' - וואס וועט דינען פאר דיר אלץ די קרי"ש וואס עלטערן ליינען מיט די קינדער א יעדע נאכט, וואס דיין טייערע מאמע האט אזוי געגארט דיר אויך ארום צונעמען, געבן א מוטער'ליכען גלעט און לייענען קרי"ש, און דיר אריין לייגען און א זיסע קינדער בעטל און אונזער ווארעמע היים. און פאר מיר אלס חיזוק אין אמונה בהשי"ת. כ'גלייב אז דו וועסט מיטלייענען מיט מיר די הייליגע פסוקים.

מיר זענען געוואוינט, אז די ערשטע פסוקים וואס א קינד לערנט זיך אויס צו זאגן, זענען די פסוקים פון קריאת שמע. אזוי אויך זענען זיי די לעצטע פסוקים, וועלכע מען לייענט בשעת יציאת נשמה. ביי דיר מיין קינד, איז דיין גאנץ לעבן איין קייט פון "ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך, נפשך, ומאודך", וואס די משנה זאגט (ברכות ט א) אז ס'מיינט "בכל מידה ומידה שהוא מודד לך הוי מודה לו" "און יעדע מצב וואס א מענטש געפינט זיך זאל ער זיך אונטער געבן צום אויבערשטן און אים דאנקען דערפאר", איין קייט פון קבלת עול מלכות שמים, סיי פאר דיר און סיי פאר דיינע עלטערן.

איך האב געשפירט ווי איך בין מקיים פתח פיך לאלם' (רעד דו אנשטאט דעם שטומען). אבער ווי נאר איך האב ארויסגעזאגט די ווערטער 'בכל לבבך ובכל נפשך', האב איך עס נישט געקענט דערהייבן. איך און דיין טייערע מאמע שתחי' האבן דאן זייער געוויינט, און נאר מיט גרויס שוועריקייט האב איך געקענט פארזעצן. פון דא וועל איך פארצייכענען מיינע מחשבות, וועלכע איך האב נישט ארויפגעברענגט אויף מיינע ליפן: וויאזוי קען איך עפענען מיין מויל צו רעדן? כאטש עס איז אוודאי נישטא קיין ארט זיך אפצורעדן, דאך בין איך פארטרויערט און דער פאטש טוט זייער וויי. מיר האבן געווארט זאלסט געבוירן ווערן און ברענגען א ליכטיגקייט, אבער עס איז מקויים געווארן ביי אונז 'יקו לאור ואין', מען ווארט אויפן שיין און עס קומט נישט, זעהט אויס אז דו האסט געהאט די קשיא וואס איוב האט געפרעגט: "פארוואס זאל איך דען נישט שטארבן ביים געבורט?" און אז דו ביסט יא געבוירען געווארן האסטו מקיים געווען די צווייטע חלק "יעצט רו איך אין שטיל שווייגעניש, איך שלאף און עס איז מיר גוט!" (למה לא מרחם אמות, מבטן יצאתי ואגוע... כי עתה שכבתי ואשקוט, ישנתי אז ינוח לי).

יא, שעפעלע, דו ליגסט מיט א רואיגקייט, אן קיין דאגות פון די הבלי עולם הזה, דו ביסט אראפ געקומען דא אויף די וועלט, אויסצופירן א הויכע שליחות וואס מיר זענען צו קליין צו פארשטיין, א דערהויבענער חן איז אויסגעגאסן אויף דיין געזיכט, א שיין פנימ'ל מיט לעבעדיגע קאלירן. אוי דיינע זיסע רויטע ליפן, דיינע לעכטיגע אויגעלעך, אבער קיין ווארט קענען זיי נישט ארויסרעדן 'אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם'. איך זע ווי ביסט גאנץ מיט דיינע רמ"ח איברים און שס"ה גידים, אלעס האסטו אבער דו קענסט זיי נישט ריכטיג באוועגן.

וויסען זאלסט, אז איך שפיר מיט דיין צער, איך זעה ווי די מוטשעסט דיר, ווי די היסט, ווי ס'קומט דיר ארויף די עסן, ווי מ'שטעכט דיר איינמאל אין נאכאמאל, זאלסט וויסען, די שכינה וויינט מיט מיט דיר, 'בשעה שישראל בצער, שכינה מה הוא אומרת קלני מראשי קלני מזרועי', "ווען א איד איז בצער וויינט מיט די שכינה, אז כביכול עס טוט איר אויך וויי", דו ביסט דאך נישט אויסגעשלאסן פון כלל ישראל, דו ביסט דאך גאר פון די סמעטענע פון כלל ישראל, יעדע איינציגע טרער וואס דו פארגיסט, און וואס דו האסט פארגאסן, סיי אין __________ אויף די ניינטע שטאק, אויף די אכטע, אויף די זיבעטע אויף די זעקסטע, פיפטע און פערדע, און אין__________, און בשעת די טרענספער"ס אינמיטען די נאכט אן דיין טאטע מאמע ביי דיין בעט, איז אוועקגעלייגט פאר'ן כסא הכבוד, גארנישט איז נישט געגאנגען, און גייט נישט לריק.

זעהט אויס דיין פליכט אויף די וועלט איז אזוי געהויבען און הויעך אז די באשעפער האט געגומען די גאנצע ארבעט פאר זיך, "אני ולא מלאך, ולא ע"י שרף, ולא ע"י שליח", ער האט אזוי אויסגעשטעלט אז מיר זאלן נישט קענען זיין קיין סאך ביי דיין בעט, דו ביסט געליגן אזוי עלנד אין מאנהעטן אויף די ניינטע שטאק, אן קיינער נעבן דיר וואס זאל זעהן ווי דו וויינסט און דו דארפסט דיין צומי, ביסט אבער נישט געווען אליינס פאר קיין סעקונדע, "שכינה למעלה מראשותיו של חולה" (שבת יא:), הקב"ה בכבודו ובעצמו, האט גערועט און ער רועט נאך אלס ביי דיין בעט, "הקב"ה זן את החולה" (שבת יא:), די באשעפער מאכט זיכער אז די חולה האט אלע זיינע באדערפענישן, אזא געהויבענע תפקיד ממש ווי פסח אויף די נאכט אין מצרים, "אני ה' - אני ולא אחר".....

איך וועל אפשר קיינמאל נישט אנערקענען דיינע מעלות, דיינע מדות, דיין זיסקייט און דיינע תכונות הנפש וועלכע וואלטן מיר זיכער געשאפן נחת און תענוג. אוי ווי שטארק איך האב דיר געהאפט צו ערציען, ווי שטארק האב איך דיר געוואלט קענענלערנען און פארברענגען מיט דיר, צוערשט אין דיינע קינדערישע יארן, און דערנאך בשעשועי אורייתא, צו לערנען אינאיינעם, כי הם חיינו. דיר חתונה מאכן, אבער איך האב נישט זוכה געווען דערצו. פון הימל איז פארשריבן געווארן, אז זאלסט מיר אפילו נישט קענענלערנען פאר א רגע, און נישט געבן דיין מאמע די הנאה פונעם געוויין פון א ניי געבוירן קינד מיט א זיסן קול'כל וואס ווארט אוייפ'ן מאמע'ס עסן. פון דעם טאג וואס דו ביסט אראפ געקומען אויף די וועלט ביסטו שוין אראפ געקומען אויף ספעציעלן אייגענארטיגען פארעם וואס דו האסט זיך אויסדערוועלט, אז דו זאלסט קענען אדורכמאכן די וועלט אן נפגע ווערן קיין איין טראפ און ארויפגיין צוריק ריין, אויף דיר זאגט די פסוק "ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך" כשם שבאת בלא חטא כך תזכה לילך לאחר שנות ימיך בלא חטא. איך האב דיר קיינמאל נישט געקענט אהיים ברענגען צו מיר אהיים און דיר האדעוועון און צערטלען, אפשר בין איך נישט געווען ראוי דערצו.

כ'ווייס נישט צו דו זעהסט מיר, דו ליגסט דא ווי א 'נראה ואינו רואה', ווי א קטן שנולד וואס האט נאכנישט קיינמאל ריכטיג געעפנט זיינע אויגן, און ווער ווייסט צו די וועסט זיי נישט עפענען ביז משיח'ס טאג, אינאיינעם מיט דיר, איז אונז אויך טונקל געווארן פאר די אויגן, אנשטאט מיר זאלן זען ליכט שטראלן, זענען אונזערע אויגן פארוואנדלט געווארן אין א קוואל פון טרערן. אונזער שטענדיגער פרייד און לוסט איז

מיטאמאל איבערגעהאקט געווארן, און איז ערפילט געווארן מיט טרויער און אומעט. וואויל איז דיר וואס האסט זוכה געווען אראפ צו קומען אויף אזא פארנעם, כדאי צוצוענדיגען דיין תפקיד אויפן וועלט. עס ווייזט אויס, אז דו האסט אנגענומען ווי די שיטה וואס האלט אז 'עס איז בעסער פאַרן מענטש ער זאל נישט באשאפן ווערן, ווי איידער יא באשאפן ווערן'. ועכשיו שנוצרת, כאילו לא נוצרת.

דיינע קליינע זיסע פינגערלעך, זענען אויסגעשפרייט אפן, ווי זיי זאלן זאגן: 'איך נעם גארנישט מיט פון די הבלי העולם הזה'. 'אשריך וטוב לך' דו ביסט, מיין קינד, אן עולה תמימה, די ביסט אראפ געקומען אויף די וועלט אינגאנצן פארן באשעפער. מיר האבן דיר געגעבן פאר'ן איבערשטן גאנצערהייט, אן דעם וואס מיר זאלן קענען הנאה האבן פון דיר אפילו בלויז אביסל.

טאקע דאס ציפט אונז אזוי, אז אזא טייערע און הייליגע נשמה וואס האט געהאט די זכי' זיך אויס צו וועלן אראפ צו קומען דא אויפ'ן עולם השפל באפאנצערט פון ווערן נאכגעשלעפט נאך עבירות, איז אזוי ווייט פון אונז, אבער כאטש האבן מיר זוכה געווען עס צו האבן אזוי נאנט צו אונז, דורכאויס די קורצע צייט פון ניין חדשים און בשעת מיר האבן פארברענגט אינאיינעם אין די שפיטאל קארידארן.

קינד מיינס, האב נישט צער איבער דער פארלוסט פון א גאנצער וועלט מיט וועלכן דו האסט נישט די מעגליכקייטען צו באקענען. גליב מיר, דו פארפאסט גארנישט! פארלירסט גארנישט! נאר תורה ומעשים טובים. אויב פילט דיין נשמה א צער אויף די תורה ומעשים טובים וואס דו קענסט נישט מקיים זיין, זייענדיג אין אזא צושטאנד, קען איך דיר פארזיכערן אז השי"ת וועט דיר געבן שכר נאך די הונדערט און צוואנציג, כאילו דו וואלסט אלע יארן מקיים געווען אלע מצוות ווי געהעריג, ווייל עס איז נישט שייך א גרעסערער אָנוס ווי דו.

געדענק וואס די חכמים זאגן: איין שעה הנאה אין עולם הבא, איז בעסער ווי דער גאנצער חיי העולם הזה. עס איז בעסער אז דו ביסט צוגעשמידט צו א בעט, ווי צו זיין צוגעשמידט צו אלע הבלי עולם הזה, עס איז בעסער צו זיין אפגעהאקט פון די גאנצע וועלט, ווי זיין חלילה אפגעהאקט פונעם חיי החיים, יעצט געדענק, דו האסט א טאטע און מאמע וואס פארגעסן נישט פון דיר קיין איין מינוט. מיר זענען דיר נישט פרעמד, כאטש מיר געבן דיר איבער אין אנדערע הענט. געדענק דאס מערסטע דיין טייערע מאמע, וועלכע האט מיט אומערמידליכע כוחות און הארציגע איבערגעגעבנקייט מקיים געווען דעם 'הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע', אבער זי האט נישט זוכה געווען צום 'בא יבוא ברינה', דיר צו קענען האלזן און קושן, פיטערן און באקליידן, דיר צו ערציען און שעפן פון דיר הויפנס נחת. ניין חדשים האט זי דיר געטראגן און דורכגעמאכט שווערע פלאגענישן. ניין מאנאטן האט זי געהאפט דיר צו זען און דיר קושן.

אין די ניין חדשים איז איר הארץ געווען אנגעפולט מיט געבעט צום בורא כל עולמים, זי זאל זוכה זיין צו א געזונט און ערליך קינד, און דיר קענען גרינג ערציען מתוך נחת. איר געבעט איז צוריקגעוויזן געווארן, איר ערווארטונג איז צערינען. דער צוזאג 'בעצב תלדי בנים' איז געקומען מיטן גאנצן קראפט. אן מאכט האט זי דיר געהאלטן, במשך די אלע לאנגע טעג און נעכט ווילנ'דיג מיט דיר אין שפיטאל, מיר האבן זיך כסדר געשטארק'ט מיט יעדע ביסל גוטע נייעס און רעזולטאטן, מיר האבן אנגעווואירען אלע סארט'ן השתדלות'ן, מיר האבן זיך פארבינדען מיט די גרעסטע מומחים אין רפואה, איינגעריסען ביי אלע תפילות, אויסגעזאגט אזויפיל מאל תהלים, אינדערהיים, אין ביהמ"ד, און ביי דיין בעטל, ווער נאך ווי די ווייסט און האט מיטגעהאלטען, וויפיל מאל איך האב אויסגעזאגט "שיר המעלות ממעמקים", דיר האלטענ'דיג אין מיינע הענט, מיט א געוויין צום בוכ"ע "ויהי רחמיך מתגוללים על עם קדשיך", מיר האבן זיך פארגענומען גוטע קבלות פאר דיינעט וועגן, אבער ווען מיר זענען שוין געקומען צום באוואוסטזיין איבער דיין מצב לויט די דאקטאר'ס אויגען, איז אונז געווען זייער שווער, און דיין מאמע, כאטש זי האט

מצדיק געווען אויף זיך דעם דין שמים, מיט דערהויבנקייט און גבורת הנפש, דאך איז איר הארץ פארקלעמט פון גרויס צער און ביטערניש, זי שפירט דעם חלל, דאס ליידיגקייט, ווי עפעס פעלט איר. דו האסט איר זייער אויסגעפעלט. אנשטאט אהיימצוברענגען פון שפיטאל א זיס קינד אין וויגעלע, קערט זי זיך אהיים מיט ליידיגע הענט, צו א פיינפולע ליידיגע קינדער-בעטל. אל תקראנה לי נעמי - תקראנה מרה, כי המר שדי לי מאוד, אני מלאה הלכתי וריקם השבני ה׳ .

איך בין מתפלל יעדען טאג, ׳למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה׳, מיר זאלן זיך נישט אומזיסט פלאגן, און נישט געבוירן קינדער אויף צו האבן דערפון שרעק, צער, און עגמת נפש, איך בין מתפלל פאר דיינעט וועגן, נאטורלעך קומט עס, אז א קליין קינד כאפט אן די הענט פון טאטע און מאמע, און מען לאזט אים נישט איבער אליין, צוליב זיין פחד און אומזיכערהייט. דאך, זאלסטו יא גיין אליין, פאר דיין הנאה און פאר דיין טובה וועגן, ווייל אזוי האט דער הייליגע און גוטע באשעפער איינגעזען אז ס׳איז די בעסטע פאר דיר, האב נישט קיין מורא. ׳כי מלאכיו יצוה לך לשמרך בכל דרכיך׳. געדענק אז ׳ה׳ עמך גיבור החיל׳, מיר זענען איבערצייגט אז דו ביסט אינעם ארט וואס איז דאס בעסטע פאר דיר... די האסט זוכה געווען צו אנקומען אין א פלאץ ווי מ׳וועט ליינען מיט דיר קרי"ש יעדע צופרי און ביינאכט, מ׳וועט דיר אפגיסען דיינע הענטעלעך מיט נעגל וואסער א יעדע צופרי, דו וועסט מיטהאלטען אי"ה חנוכה לעכט צינדען, ווי מ׳ליינט די מגילה, א סדר פסח ביינאכט, און אפילו עסן אין די סוכה, דאס איז זאכן שעפעלע, וואס א סאך אין דיין מצב זענען נעבעך נישט זוכה.

שעפעלע טייערע, דיין אפוועזנהייט וועט אונז זיין זייער שווער אויפן געמיט, אבער מיר וועלן דיר אלץ געדענקען אלס משפחה מיטגליד, ווייסנדיג און גלייבענ׳דיג אז איין טאג ווען דו וועסט אהיימקומען פון דארט וועלן מיר זיך אי"ה באקענען, און אויב חלילה איז אנדערש באשערט, וועלן מיר זיך באקענען און פאראייניגן ווען משיח וועט קומען.

ביז אהער האב איך געטראכט דיר צו זאגן, איך וויל צוענדיגען מיט א געבעט צום כל יכול דער רופא לשבורי לב, אז די זאלסט זיך קענען שטארקען ברמ"ח אבריך ושס"ה גידיך, און אהיים קומען צו אונז געזונטערהייט בתוך שאר חולי ישראל, און אי"ה ביי דיין סעודות הודאה וועל איך פארזינגען דעם בריוו אלץ זמירות... אמן.

דיין פאטער וואס ליבט דיר, שרייבט מיט טרערן, און פרובירט זיך צו שטארקן.